פרשת תולדות ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון עט ||| שנה ג'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש


בר אבטח א

קביעת עתים לתורה ג

עבודה למחשבה ח


# בר אבטח

## לה' הארץ ומלואה;

וויסן און געדענקן אַז דאָס געלט איז קיינמאָל נישט געווען מיינס

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ל"ה, א' וארא תש"פ

חלק ג

א

## והעושר והכבוד מלפניך; וויפיל מער בטחון, אַזויפיל מער ווייסט מען אַז געלט איז בלויז אַ פּקדון

### בטחון ראַטעוועט פון דינען עבודה זרה

אין דעם אָנהויב פונעם שיעור האָט מען געלערנט וואָס ס'שטייט אין ספרים הק' אַז געלט איז אַ גרויסער מפריד צווישן דעם מענטש מיט'ן אויבערשטן, ווייל **דאָס געלט מאַכט אַז דער מענטש זאָל נישט שפּירן אַז ער דאַרף אָנקומען צום אויבערשטן, און דעריבער איז עס אַזויווי עבודה זרה ממש.** תאוות ממון איז טייטש אַז מען פאַרלאָזט זיך חלילה ממש אויפ'ן געלט, אַנשטאָט אויפ'ן אויבערשטן.

דערויף זאָגט דער חובת הלבבות אַז דער מענטש וואָס לערנט גוט די סוגיא פון בטחון **וועט האָבן אַ ריזיגע תועלת דערפון**, ווייל די בטחון גייט מאַכן אַז דאָס געלט זאָל נישט זיין קיין מפריד צווישן אים מיט'ן אויבערשטן.

פאַרוואָס טאַקע?! ווייל ווען דו וועסט לערנען בטחון, וויאַזוי צו אָנקוקן דאָס ענין פון געלט ריכטיג, **וועסטו קענען האָבן אַסאַך געלט און דאָס געלט וועט נישט גורם זיין אַז דו זאָלסט זיין אָפּגעטיילט פון השי"ת**, ווייל דו וועסט שפּירן אַז ס'איז בלויז אַ פּקדון און דו ביסט נאר דער שומר דערויף.

### וויפיל מער בטחון; אַלס ריכטיגער איז דער בליק אויף געלט

אָבער היות דאָס איז אַ גרויסע מדריגה און ס'איז נישט אַזוי לייכט אָנצוקומען אַהין, דעריבער האָבן צדיקים אויסגעלערנט פאר זייערע תלמידים אַז זיי זאָלן וויסן אַז ס'איז נישט אַזוי פּשוט צו האָבן געלט. **ס'איז נישט אַלעמאָל אַזאַ גרויסע מתנה.** ווייל צומאָל גייט דאָס אַריין אין דעם גדר פון 'ומשלם לשונאיו על פּניו להאבידו', און ס'קען חלילה מפריד זיין דעם מענטש פונעם אויבערשטן.

דערנאָך האָבן מיר געלערנט ווייטער די הסברה פון דער זאַך: פאַרוואָס טאַקע קוקט דער בעל בטחון אן דאָס געלט אַז ס'איז אַ פּקדון; ווייל **וויפיל מער ער לערנט בטחון הייבט ער** אָן **שפּירן אַן עקל פון געלט**, ער כאַפּט אָן ריכטיג די זאַך פון געלט, אַזוי ווי מ'דאַרף עס אָנכאַפּן.

### די הרגשה אַז געלט איז אַ פּקדון איז אַ סימן אויף בטחון

אין ישיבה פלעגט מען זאָגן: ווילסט וויסן אויב דו האסט פאַרשטאַנען דעם תוספות? קוק אין מהרש"א. אויב דו פאַרשטייסט וואָס ער פרעגט אויף תוספות, דעמאָלט האָסטו אויך פאַרשטאַנען דעם תוספות, אויב נישט דעמאָלט איז אַ סימן אַז דו האסט אויך נישט געכאַפּט וואָס תוספות זאָגט דאָ...

דער חובת הלבבות גיבט אונז דאָ דעם זעלבן סאָרט מבחן. ער זאָגט אונז אין דער פּתיחה פון דעם שער הבטחון: אויב דו האסט שוין באַקומען די הרגשה אַז דאָס געלט וואָס ליגט ביי דיר איז נישט דיינס, ס'איז בלויז אַ פּקדון, **דעמאָלט האָסטו געכאַפּט וואָס בטחון איז!** אויב נישט, ביסטו נאָכנישט אָנגעקומען צו פאַרשטיין די אמת'ע מהות פון בטחון.

אודאי איז דאָ אין דעם אַסאַך מדריגות, ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס ווילן נישט אַרויסגעבן קיין איין פּרוטה פון זייער געלט, און אַנדערע מענטשן זענען גרויסע בעלי צדקה, אָבער **די מעסטער צו זען וואו דו שטייסט אין דער מדה פון בטחון, האָט אַלעמאָל צוטון וויפיל דו טוסט באַטראַכטן דאָס געלט אַלס אַ פּקדון.**

און לגבי דעם ענין האָט מען דערמאַנט מימרות און עובדות פון צדיקים, וואָס זיי האָבן טאַקע בכלל נישט געוואָלט האָבן קיין געלט. זיי האָבן געזאָגט: **"נעם עס אַוועק פון מיר, כ'ווייס נישט צי כ'קען ביישטיין דעם מבחן, בעסער זאָל איך עס נישט האָבן בכלל".** ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן זייער געפיל פון אָנגעוויזנקייט אויפ'ן רבוש"ע, צוליב דעם פּחד אַז געלט נעמט אַוועק דעם געפיל פון לב נשבר צו השי"ת.

ב

## תכון תפלתי לפניך; מתפלל זיין אויף אַ ישועה, נישט דוקא אויף געלט

### דער רבוש"ע דאַרף נישט אונזערע עצות...

נאָך די אַלע הקדמות, פאַרשטייט אַ איד ווי וויכטיג ס'איז צו לערנען אַסאַך די סוגיא פון בטחון, כדי אַז מ'זאָל אָנפילן דעם מח מיט די אַלע ידיעות פון אמונה, וואָס דורכדעם קען מען זיין **'מוח שליט על הלב'**, און אַז דאָס הארץ זאָל קענען ווערן איבערגענומען צו

פטרון סדר בראשית

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם

לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי' יעקב** בן הרה"ק ר' **ישראל אברהם** זצוק"ל

אמת'דיג שפירן דעם געפיל פון בטחון.

אָבער ס'איז דאָ איין זאַך וואָס יעדער קען אָנהויבן דערמיט, כדי זיך צו מרגיל זיין מיט די ריכטיגע הרגשה פון בטחון. דאָס איז דער ענין, אַז דער מענטש זאָל נישט געבן קיין עצות פאַר'ן רבוש"ע, וויאַזוי ער וויל געהאָלפן ווערן, און ער זאָל נישט בעטן דוקא אויף געלט.

ווען אַ איד קומט מתפלל זיין זאל דאָס זיין מיט דער מחשבה אַז ער ווייסט נישט די ריכטיגע מהלך און ער ווייסט נישט וועלכע סאָרט אופן ס'וועט זיין גוט פאר אים. **ער ווייסט אַזויפיל אַז דער רבוש"ע קען אים העלפן אויף אַזויפיל וועגן, און ער פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת אַז דער אויבערשטער וועט אים שוין פירן אויפ'ן בעסטן וועג וואָס קען זיין.** דעריבער איז ער אַלעמאָל מתפלל אַז ער זאָל זוכה זיין צו 'טוב הנגלה', אָן געבן עצות פאַר'ן אויבערשטן וויאַזוי די ישועה זאָל קומען.

## נישט אַלעמאָל איז געלט די ישועה

ווען מ'זעט פון די מעשיות פון פריערדיגע צדיקים ווי שטאַרק זיי האָבן דאָס ממאס געווען, איז דאָ איין חלק אויף למעשה וואָס יעדער מענטש קען נאָכטון, אַז ווען ער איז מתפלל אַז דער רבוש"ע זאָל אים געבן זיינע צרכים, **זאָל ער נישט בעטן דוקא אויף געלט**, נאָר ער זאָל מתפלל זיין אַז השי"ת זאָל אים העלפן און שיקן וואָס מ'דאַרף האָבן, און ס'איז לאו דוקא אז מיר קענען באַקומען אונזערע צרכים בלויז דורך געלט!

זייער אַסאַך מאָל דאַרף דער מענטש אַ געוויסע זאַך, און **ס'מוז נישט זיין אַז ער זאָל דאָס באַקומען דורך געלט**. צום ביישפיל ווען ער דאַרף האָבן אַן אתרוג מיט אַ לולב, קען דאָך זיין אַז איינער זאָל אים געבן במתנה אַ שיינעם אתרוג און לולב. אָדער ווען אַ איד דאַרף חתונה מאַכן אַ קינד, קען דאָך זיין אַז די אַנדערע זייט זאל אויסצאָלן די גאַנצע חתונה מהחל ועד כלה. אַזוי איז דאָ אומצאָליגע ביישפילן וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אַלע סאָרט אופנים צו העלפן, אויך אָן שיקן געלט בפועל ממש.

## בטחון קען בפועל איינשפּאָרן די קאָסטן

נאָכמער; אויב אַ איד האָט אמת'דיג אַ שטאַרקע בטחון איז זייער מעגליך אַז געוויסע זאַכן וואָס ער האָט געמיינט ביז היינט אַז דאָס 'מוז' ממש זיין, וועט ער דורך בטחון אָנהויבן שפּירן אַז ס'איז בכלל נישט אַזוי וויכטיג צו האָבן דער זאַך.

ס'איז געווען צדיקים וואָס האָבן געהאַט די כוחות הנפש נישט צו דאַרפן שלאָפן אַזויפיל שעות ביינאַכט, ווייל **זיי האָבן ממש יונק געווען פון זייער בטחון און דאָס האָט זיי געגעבן די כוחות**, וקוי ה' יחליפו כח! דאָס זעלבע קען זיין ביי אַ איד וואָס לעבט מיט בטחון אַז ער גייט אַריין אין אַ בחינה פון 'צדיק אוכל לשובע נפשו', די בטחון טוט אים זעטיגן און ברענגען אַז ער זאָל באמת נישט דאַרפן האָבן אַזויפיל הוצאות. דער מענטש וועט זיך טרעפן אַז די גראָסערי אָרדער קאָסט אים ביליגער, צוליב פאַרשידענע סיבות, וכדומה.

ווען אַ געוועגליכער מענטש מאַכט זיך אַ חשבון פון זיינע הוצאות אויפ'ן חודש, לייגט ער אַריין אַ געוויסע סכום וואָס ס'גייט אים קאסטן פאר איבריגע הוצאות וואָס קומען אַלעמאָל אונטער, צ.ב.ש. זאַכן צעברעכן זיך, מ'דאַרף רענאָווירן דאָס הויז, און אַזוי ווייטער עקליכע הוצאות וואָס פּאַסירן יעדן חודש, און מ'האָט נישט געטראַכט דערפון בעפאָר. דער מענטש רעכנט דאָס אַריין אין זיין בודזשעט ווייל מ'דאַרף דאָך זיין רעאַליסטיש.

אָבער אויב אַ איד האָט בטחון, קען ער זיך דערזען נאָך אַ שטיקל צייט, אַז ער האָט נישט געהאַט די איבריגע הוצאות פון צעבראָכענע און פאַרלוירענע זאַכן. אודאי איז דאָס נישט אַלעמאָל פּונקט אַזוי, אָבער דער רעיון איז יאָ אַלעמאָל אמת אַז **מיט בטחון קען אַ מענטש צוביסלעך באַמערקן אַז ער דאַרף נישט האָבן אַזויפיל געלט**, דער רבוש"ע העלפט אים אויף אַנדערע אופנים.

## מתפלל זיין פאַר די צרכים; נישט פאַר'ן געלט

אַ איד מיט בטחון קען אָנהויבן שפּירן אַ מעין וויאַזוי די צדיקים האָבן געשפּירט: איין מינוט, **ווער זאָגט אַז די געלט מוז זיין די אמצעי צו מיין ישועה?!** ווער זאָגט אַז איך דאַרף בכלל האָבן די סאָרט אמצעי?! אויב דער רבוש"ע האָט מיך געגעבן דאָס געלט, וועל איך עס אָננעמען און כ'וועל טון דערמיט מצוות ומעשים טובים, אָבער **דאָס מיינט לאו דוקא אַז כ'דאַרף אַלעמאָל מתפלל זיין צו האָבן דוקא געלט!**

אַזאַ מענטש מאַכט זיך דעם חשבון: עס פעלט נישט אויס צו גיין מוטשן דעם אויבערשטן: "געב מיר אַביסל מער געלט..." ווייל **כ'בין פאַרזיכערט אַז ער גייט מיך געבן אַלע מיינע צרכים!** דער רבוש"ע האָט דאָך שוין מבטיח געווען 'נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו', נאר מ'דאַרף אויך טון דעם חלק פון תפלה, וואָס דאָס באַוואָרנט אַז ס'זאָל טאַקע קומען די השפּעה. דעריבער בין איך אודאי מתפלל אַז ער זאָל מיך געבן מיינע צרכים אויף וועלכע אופן ער וויל, כדי איך זאָל קענען אים ריכטיג דינען, אָבער **לאו דוקא אַז די השפּעה מוז זיין געלט**; אַמאָל איז עס דורך געלט, און אַמאָל איז עס דורך אַנדערע וועגן וויאַזוי דער רבוש"ע פירט אַז ס'זאָל אַראָפּקומען פון הימל.

ג

# ליצנותא דעבודה זרה; אַ ווירקזאַמע מיטל קעגן דעם יצר פון תאוות ממון

## ליצנות פון עבודה זרה איז אַ מצוה

ס'איז דאָ נאָך אַ מהלך וויאַזוי אַ מענטש קען זיך טוישן, אַז זיין האַרץ זאָל זיך נישט שפּירן אַזוי שטאַרק אָנגעוויזן אין געלט: דאָס איז די עצה פון ליצנותא דעבודה זרה.

ווי מיר האָבן געלערנט פון ספה"ק, איז די תאוות הממון ממש די זעלבע יצר הרע פון עבודה זרה, און וועלכע זאַך אַרבעט צו מבטל זיין עבודה זרה?! זאָגן אונז חז"ל: '**כל ליצנותא אסירא בר מליצנותא דעבודה זרה**'.

עס שטייט פונעם **אר"י הק'** (סידור האריז"ל הל' דרך ארץ אות יד) אַז נישט בלויז 'מעג' מען מאַכן ליצנות פון עבודה זרה, נאר ס'איז אַ גרויסע מצוה צו מאַכן ליצנות דערפון! כעין זה פּסק'נט אויך הגאון רבי **יונתן אייבשיץ** זצ"ל להלכה (אורים ותומים סימן ח' סק"ד) לגבי אַ דיין וואָס מ'האָט אים אויפגענומען בלויז צוליב געלט, אַז ס'איז מותר צו מאַכן ליצנות פון אים, ווייל דאָס ווערט אויך אָנגערופן אַזויווי עבודה זרה 'אלהי כסף'.

## אַלע אַנדערע מיטלען געדויערן לאַנג ביז זיי העלפן

די פּשוט'ע סיבה פאַרוואָס ס'איז וויכטיג צו מאַכן ליצנות פון עבודה זרה איז, ווייל **בדרך כלל האָט דער מענטש נישט קיין וועג וויאַזוי צו משפּיע זיין גלייך צו זיין האַרץ**, ער האָט נישט קיין גראַדע הענטל צו אָנכאַפּן און טוישן זיין האַרץ.

אויב אַ מענטש וויל זיך טוישן זיין האַרץ, איז דאָ איין מהלך פון '**מח שליט על הלב**', אַז מ'זאָל אַזויפיל רעדן צום מח ביז דאָס וועט צוביסלעך אַריינקריכן אין האַרץ אַז אויך דאָס האַרץ זאל נתעורר ווערן.

נאָכדעם איז דאָ אַן אַנדערע מהלך פון '**אחר הפעולות נמשכים הלבבות**', ווי מ'האָט גערעדט אין די פריערדיגע שיעורים, אַז דורך טון עשיות פון געבן געלט פאר צדקה אָדער פאר די צרכי הבית מיט אַ רואיגקייט, קען מען פועל'ן אויפ'ן האַרץ אַז ס'זאָל נישט זיין אַזוי אדוק אין געלט.

אָבער געוועגליך אַרבעטן די זאַכן בלויז 'בדרך ארוכה'. סיי **דער חלק פון אָנפילן דעם מח**, דאַרף מען לערנען און זיך דערמאַנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווייל מען פאַרגעסט כסדר דעם אמת. און סיי **דער חלק פון טון פעולות**, דאַרף מען נאָכאַנאַנד געבן צדקה און מפזר זיין ממונו צו אויסרייסן די תאוות ממון. מ'דאַרף אַסאַך האָרעווען, לערנען און עוסק זיין מיט פעולות, ביז ס'גייט אַריין אין האַרץ, און נאָכדעם דאַרף מען ווייטער אַלעמאָל ממשיך זיין, כדי אַז די השפּעה זאל בלייבן.

## ליצנות פאָרט אַריין גראַד אין האַרץ

אָבער ליצנות האָט אַ מורא'דיגן כח, אַז **עס פליעט יאָ גלייך אַריין טיף אין האַרץ**. עס געדויערט ממש סעקונדעס אַז אַ ליצנות זאל זיך אָנקלעבן אויפ'ן האַרץ און עס בלייבט דאָרט אַריינגעזעצט.

דערפאַר איז טאַקע אַזוי געפערליך צו מאַכן ליצנות פון אַ דבר שבקדושה, ווייל מיט אַ קליינע ליצנות קען מען אַוועקשטופּן אַזויפיל יראת שמים. 'ליצנות אחת דוחה מאה תוכחות', צוליב דעם וואָס **ליצנות אַרבעט גלייך אויפ'ן האַרץ** - נישט דורך דעם מח און נישט דורך פעולות, נאר **ס'איז ווי אַ 'שאָרט קאָט' וואָס גייט אַריין בליץ שנעל גראַד אין האַרץ**. עס אַרבעט אויף דער סעקונדע גאָר שטאַרק.

דעריבער קען איין ליצנות אַוועקשטופּן 'מאה תוכחות' פון ערליכקייט, ווייל די מאה תוכחות אַרבעטן יאָ אויף אַן אופן פון 'מח שליט על הלב'; דער מענטש הערט נאָך אַ דבר מוסר און נאָך אַ דבר יראת שמים, ביז ס'גייט אַריין אין זיין האַרץ. **אָבער ליצנות שטופּט דאָס אַלעס אַוועק, ווייל ליצנות איז אַ הענטל וואָס קומט גלייך אָן טיף אין האַרץ.** צדיקים האָבן דערפאַר זייער מזהיר געווען אַז מ'זאָל זיך גאָר שטאַרק מרחק זיין כמטחוי קשת פון אַ לץ וואָס לאַכט פון דברים רוחניים אָדער ערליכע אידן.

## ליצנותא דעבודה זרה העלפט אָפּצושלאָגן די תאוה פון געלט

זאָגט אָבער דער אריז"ל אַז טאַקע דעם כח דאַרף מען אַריינברענגען צו אָפּלאַכן פון די עבודה זרה פון געלט. ווייל מיר האָבן דאָך אַ האַרץ וואָס וואַרט אַזוי שטאַרק צו ווערן אַ ריכטיגער האַרץ מיט אמונה אָן קיין תאוות ממון, אָבער **דאָס האַרץ ווערט כסדר באַאיינפלוסט מיט 'מאה תוכחות' און 'מאה פעולות' וואָס זאָגן אים אומאויפהערליך אַז געלט האָט יאָ אַ**

**געוואַלדיגע ווערד.** דעריבער דאַרף מען טאַקע, זה לעומת זה, זיך חזר'ן אין מח און טון פּעולות נישט צו זיין אַזוי אדוק אין געלט, אָבער **דאָס בעסטע מיטל איז די עצה פון 'ליצנותא דעבודה זרה',** צו אָפּלאַכן און אָפּשפּעטן פון די מחשבות עבודה זרה וואָס ליגט אין תאוות ממון. **די ליצנות אַרבעט גלייך אָנצוקומען צום האַרץ!**

דער אופן פון ליצנותא דע"ז ווען ס'קומט צו געלט איז צו זען און באַמערקן וויאַזוי מענטשן וואָס זענען געווען דבוק בלבם צו תאוות ממון האָט זיי דאָס געלט נעבעך אַריינגעפירט אין תהום אַריין. קוק אָן ווי ער קוקט אויס, מ'דאַרף עס אפילו נישט מסביר זיין, מ'באַטראַכט דאָס מיט אַ ביטערן שמייכל: קוק נעבעך, וואָס העלפט אים דאָס געלט?!

## די אומגליקליכקייט פון דעם בעל ממון

מ'דאַרף זיך פּשוט מתבונן זיין אין דעם חילוק צווישן איינער וואָס איז אַ שמח בחלקו און אַ בעל ממון. **קוק אָן די צוויי מענטשן!** דער ערשטער איז פריילך און האָט אַ תענוג און דער צווייטער איז אַזוי אומגליקליך. ווייל **געלט ברענגט נישט קיין שום צופרידנהייט**, בלויז ווען דער מענטש האָט בטחון איז ער אמת'דיג צופרידן, **איזהו עשיר השמח בחלקו.**

ווען מ'טראַכט אַריין אין די זאַכן, אַרבעט דאָס אויפ'ן האַרץ און דער מענטש באַקומט די טיפע הבנה און הרגשה אַז געלט קען אים גאָרנישט העלפן! מיר באַקומען נישט אונזערע צרכים דורך געלט נאר דורך דעם אויבערשטן!

ווען מ'גייט נאָכדעם אַריין אין שול און מ'הערט וויאַזוי איינער זאָגט אַז ער וויל לערנען 'חובת הלבבות שער הבטחון' ווייל דאָס איז אַ גוטע סגולה צו באַקומען אַסאַך געלט... דעמאָלט שאָקלט דער בעל בטחון זיין קאָפּ מיט רחמנות און טראַכט: **דער אויבערשטער זאָל אים העלפן אַז ערגעץ וואו, אינמיטן לערנען דעם שער הבטחון, זאָלסטו אָנהויבן כאַפּן די טיפע טעות וואו די לעבסט!** השי"ת זאל העלפן אַז דו זאָלסט טאַקע באַקומען די אמת'ע בטחון צו פאַרשטיין אַז געלט קען גאָרנישט העלפן, און אונזערע צרכים באַקומען מיר פון השי"ת, והרבה דרכים למקום.

# קביעת עתים לתורה

## שמאלו תחת לראשי;

### דער תכלית פון אַלע מניעות איז אויפצוהייבן דעם איד

קביעת עתים לתורה שיעור ט' - יום ראשון פּרשת תצוה ט' אד"א תשפ"ד

א

# כך הוא המדה; די וועג צו קדושה גייט דורך אַ מדבר פון נסיונות

## דער חיזוק פאַר יעדן איד פון די מ"ב מסעות

ווען מ'רעדט וועגן די גרויסע סוגיא פון מניעות אין עבודת ה', איז דאָ אַ יסודות'דיגע שטיקל אין ספה"ק **שפת אמת** (מסעי תרמ"ו), ביי די פּרשה פון די מ"ב מסעות, וואָס אידישע קינדער זענען געגאַנגען אין מדבר, און אַלע **ספרים הק'** זאָגן אַז אויך היינט גייט יעדער איד אַריבער די מ"ב מסעות דורכאויס זיין לעבן.

זאָגט דער שפת אמת בלש"ק: **נכתבו כל המסעות להודיע לעם ה'** - די תורה הק' האָט געשריבן אַלע מסעות כדי צו מודיע זיין פאַר אידן. **כי כל עובד ה' לא יפול לבו עליו מכל הנפילות שיש לו** - אַ מענטש וואָס וויל דינען דעם אויבערשטן זאָל נישט ווערן צעבראָכן און געפאלן ביי זיך פון די אַלע נפילות וואָס ער גייט אַריבער.

**כי כך הוא המדה להיות עולה ויורד** - ווייל אין אַ מלחמה איז דאָס דער סדר, אַז אַמאָל איז מען מצליח און אַמאָל איז מען נישט מצליח אָבער מ'פּרובירט נאָכאַמאָל. **ומכל מנוחה שהשיגו אחר איזה מלחמה** - נאָכדעם וואָס מ'האָט געהאַט אַ שטיקל הצלחה, מ'האָט דערגרייכט אַביסל מנוחה נאָך אַ מלחמה. **התחיל מלחמה אחרת** - הייבט זיך אָן נאָך אַ מלחמה.

**וכן לעולם 'ויסעו ויחנו ויסעו ויחנו'** - דאָס גייט אַזוי אָן אייביג, יעדעס מאָל וואָס מען האָט זיך ענדליך אָפּגערוהט פון אַ מלחמה, דאַרף מען נאָכדעם גיין ווייטער צו אַ פרישע מלחמה. **כמו שכתוב ילכו מחיל אל חיל שאין להם מנוחה לעובדי ה' שעל זה נבראו ללחום מלחמות ה'** - אַן ערליכער איד האָט קיינמאָל נישט קיין מנוחה, ווייל דערפאַר איז ער באַשאַפן געוואָרן, צו לוחם זיין אָט די הייליגע מלחמה. **ובודאי מלחמות שהיו לכלל ישראל היו דברים הנוגעים לכל הבריאה,** אלעס וואס די אידן זענען דעמאלטס אריבער איז געווען נוגע פאר די גאנצע בריאה, **ומעין זה נמצא בכל פרט לפי מה שהוא.**

## אָנצוקומען צו דער קדושה דאַרף מען דורכגיין אַסאַך עגמת נפש

דער שפת אמת שמועסט דאָ אויס דעם לימוד פון די מ"ב מסעות אַז יעדער איד דארף שטענדיג אַדורכגיין מלחמות אין לעבן, און לכאורה דאַרף מען דאָס פאַרשטיין, ווייל ווען מ'לערנט די מ"ב מסעות אין פּרשת מסעי, זעט מען נישט אַז ס'איז דאָרט געווען מלחמות. הערשט שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די מלחמות; צוערשט מלחמת סיחון ועוג ביים עבר הירדן, און דערנאָך די מלחמות מיט די ל"א מלכים אַריינקומענדיג קיין ארץ ישראל. ווידעראום ביי די מ"ב מסעות איז מען פּשוט געגאַנגען פון איין פּלאַץ צום אַנדערן. ויסעו מדיבן גד ויחנו בעלמן דבלתימה, א.א.וו.

זאָגט אָבער דער שפת אמת אַז **יעדע 'ויסעו ויחנו' איז נישט געווען אַזוי פּשוט**, ס'איז געווען געווען אַ גאַנצע טרחא. ביי יעדע נסיעה האָט מען געדאַרפט זיך אויפהייבן מיט אַלע פּעקלעך און זעקלעך, מיט די קליינע קינדער, און גיין צום קומענדיגן פּלאַץ. דאָס איז לגמרי נישט קיין לייכטע זאַך. **יעדער ווייסט וואָס דאָס מיינט גיין פון איין פּלאַץ צום צווייטן מיט אַ גאַנצע משפּחה** וועמען מ'דאַרף איינפּאַקן, בשעת איינער וויינט און דער צווייטער שרייט, און פּלוצים דערמאַנט מען זיך אַז מ'האָט עפּעס פאַרגעסן מיטצונעמען...

די תורה רעדט וועגן אַזעלכע סאָרט מלחמות! מ'מיינט נישט דוקא מלחמות מיט די אומות העולם אין אַ דמות פון גופים, נאר די תורה זאָגט אונז אַז ווען אַ מענטש וויל אָנקומען צו דער קדושה, **דאַרף ער צוערשט דורכגיין אַסאַך סטאַנציעס און יעדעס מאָל וועט זיין נפש ווערן איבערגעשטרענגט.** מ'קען נישט זיין דאָ אויף דער וועלט במנוחה, ווייל אַגאַנצן צייט דאַרף מען זיך קריגן מיט די קליפּות.

דעריבער, יעדעס מאָל ווען אַ מענטש פּרובירט אָנצוקומען צו אַ פרישע פּלאַץ אין עבודת ה'; יעדעס מאָל ווען אַ איד וויל זיך אַראָפּשטעלן מיט יסודות ביי ענינים פון סור מרע, אָדער ביי ענינים פון עשה טוב, **וועט ער זיך געווענליך דאַרפן מוטשן גייענדיג אויפ'ן וועג צו זיין פּריוואַטע ארץ ישראל.** און די סיבה דערצו איז **ווייל דו קריגסט זיך מיט די אַלע כוחות הטומאה** און דו ברענגסט אַריין אלוקות אין דער וועלט!

## די וועג קיין ארץ ישראל גייט דורכ'ן מדבר

דער **אור החיים הק'** (אָנהויב פּרשת מסעי) ברענגט וואָס ס'שטייט אין **זוהר הק'** אַז דער מדבר וואו אידן האָבן געדאַרפט דורכגיין אָנצוקומען קיין ארץ ישראל, איז געווען **אַ פּלאַץ אָנגעפולט מיט די גרעסטע קליפּות.** ווי מ'זעט טאַקע אַז ס'איז נישטאָ דאָרט קיין שום לעבהאַפט, ס'רעגנט קיינמאָל נישט, און ס'איז אַ מקום פון נחשים ועקרבים. ווען אידן זענען געגאַנגען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל האָבן זיי געדאַרפט דורכגיין אָט דעם מקום הטומאה, און **דוקא דאָרט אַריינברענגען די השראת השכינה** דורך די ענני הכבוד און דעם מן.

די אַלע נסיונות וואָס אידן האָבן געהאַט אין דעם מדבר, האָט געהאַט אַ ציל זיי אויפצוהייבן צו דער קדושה פון ארץ ישראל. די טעכנישע שוועריגקייטן זענען חלק ב געווען בלויז אַ מיטל וויאַזוי זיי זאָלן דורכדעם אָנקומען צו דער מדריגה פון 'אוכלי המן'! ווייל **אַ מענטש קען נישט דערגרייכן צו זיין פון די אוכלי המן אויב ער איז נישט אַריבערגעגאַנגען אַ מדבר.** מ'ווערט אַן אוכלי המן דוקא ווען מ'גייט דורך אַ פּלאַץ וואו ס'איז נישטאָ קיין עסן, ס'איז נישטאָ קיין מהלך, מען גייט אַריבער נסיונות, מ'ווייסט נישט וואָס צו טון, און מ'דאַוונט צום רבוש"ע. דעמאָלט וועט מען צום סוף ווערן געהייליגט און אויפגעהויבן!

## די דורכפעלער מאַכן אונז העכער

דאָס זעלבע איז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש וויל אַריינקומען צו דער רוחניות'דיגער ארץ ישראל, קען ער נישט גיין אויף דעם גרינגען און לייכטן וועג, ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא. **מ'קען נישט גיין שנעל אָן קיין שוועריגקייטן!** דו דאַרפסט גיין דורך דעם מדבר און נאר אַזוי קענסטו אָנקומען קיין ארץ ישראל, ווייל בלויז נאָכדעם וואָס דו וועסט דורכגיין דעם מדבר וועסטו ווערן אַן אַנדערער סאָרט מענטש. אויב וועסטו נישט אַריבערגיין די אַלע נסיונות, וועסטו אפשר טעכניש אָנקומען קיין ארץ ישראל, **אָבער דיין מהות וועט נישט ווערן אַ מענטש וואָס לעבט העכער.** אין די אמת'ע ארץ ישראל וועסטו נישט אָנקומען!

דאָס אַרבעט אַזוי ביי יעדן איינציגן איד, **ס'איז נישטאָ קיין יוצא מן הכלל!** כדי צו קענען אָנקומען צו סיי וועלכע מדריגה, דאַרפסטו קודם גוט דורכאַקערן דעם וועג, אַראָפּפאַלן און זיך אויפהייבן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל!

די אַלע דורכפעלער האָבן אַ מהלך, ווייל **נאָך יעדע**

**נפילה באַקומט דער מענטש אַן אינערליכע ביטול צום רבוש"ע.** ער איז נישט קיין בעל גאוה וואָס זאָגט: "כ'האָב שוין נישט קיין נערוועז, כ'האָב שוין צען מאָל פּרובירט", נאָר ער זאָגט מיט אַן ענוה: "איך גיי פּרובירן אן 11'טע מאָל בסייעתא דשמיא". אָט די התגברות **טוישט איבער דאָס גאַנצע פּנימיות פון דעם מענטש**, דוקא צוליב דעם וואָס ער איז געפאַלן און זיך אויפגעהויבן, און דוקא צוליב דעם וואָס ער האָט פּרובירט מיט נאָך אַ תפלה און מיט נאָך אן התגברות.

## די מורא'דיגע ביטול פון ר' פרידא

מיר ווייסן אַלע די מעשה וואָס די **גמרא** דערציילט (עירובין נד, ב) אויף ר' פרידא, אַז ער האָט געהאַט די סבלנות צו לערנען מיט זיין תלמיד 400 מאָל. בדרך כלל טראַכט מען בעיקר וועגן דעם 'נומער', אַז ער האָט געדאַרפט אויסלערנען אַזויפיל מאָל, אָבער באמת איז דאָס נאר אַ קליינע חלק פון דער מעשה.

די עיקר לימוד פון דער מעשה איז די מחשבה און די הרגשים וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אין רב פרידא'ס הארץ און מח, נאָכדעם וואָס ער האָט שוין פּרובירט 60-70 מאָל, און נאָכדעם וואָס ער האָט שוין געהאַלטן ביי 250 מאָל, און דער תלמיד פאַרשטייט נאָך אַלס נישט... **איר ווייסט וויפיל ענוה און וויפיל ביטול מ'דאַרף האָבן, צו געבן אַ שמייכל און זאָגן: 'לאָמיר פּרובירן נאָכאַמאָל'...**

יעדער מענטש וואָס האָט די נאַטירליכע גאוה, מ'רעדט נישט דאָ וועגן עפּעס אַ ספּעציעלע גאוה, נאר די פּשוט'ע גאוה וואָס מיר אַלע זענען געבוירן געוואָרן דערמיט, וואָלט דאך געטראַכט: **"איך האָב נישט קיין צייט פאַר דיר... קומענדיגע מאָל הער זיך איין בעסער... ס'איז נישט געמאַכט פאַר דיר..."** אַ געווענליכער מענטש וואָלט שוין פאַבריצירט אַלע סאָרט תירוצים זיך אַרויסצודרייען, ווייל ער וואָלט געשפּירט: 'איך האָב נישט קיין נערוועז... ווילאַנג גיי איך זיך דאָ נאַריש מאַכן און פאַרפאַטשקען מיין צייט, כ'האָב נישט בעסער וואָס צו טון מיט מיין טאָג?!'

אַזוי זאָגט טאַקע דער בעל גאוה, אָבער אן עניו ווי ר' פרידא האָט געזאָגט: **"דאָס איז מיין שליחות! איך דאַרף בכלל נישט מאַכן קיין שום חשבונות.** איך גיי בלויז נאָכאַמאָל אַרבעטן און נאָכאַמאָל אַרבעטן און דער רבוש"ע וועט שוין ברענגען די ישועה, ס'איז נישט מיין תפקיד זיך מייאש צו זיין אינמיטן".

## פּיתום ורעמסס איז געווען אַ פּאַסיגע לעקציע פאר עבודת ה'

מעגליך איז דאָס געווען איינס פון די טעמים פאַרוואָס אידן אין מצרים האָבן געדאַרפט דורכגיין דאָס בויען פּיתום ורעמסס, וואָס די מצריים האָבן צעוואָרפן און מ'האָט נאָכאַנאַנד דאָס געדאַרפט אויפבויען פונדאָסניי. דאָס איז געווען אַ גוטע הכנה צו קבלת התורה, ווייל **אויב אַ מענטש וויל זוכה זיין צו תורה, דאַרף ער זיך צוגעוואוינען צו אַרבעטן און נאָכאַמאָל אַרבעטן.** ער דאַרף זיין אַזאַ סאָרט עבד וואָס זאָגט: **איך טו מיין אויפגאַבע אפילו ווען איך פאַל דורך! אפילו ווען כ'בין נישט מצליח הייב איך אָן נאָכאַמאָל!** איך האָב די סאָרט הכנעה און ענווה אַז כ'בין אַלעמאָל גרייט צו פּרובירן און כ'וועל קיינמאָל נישט זאָגן אַז איך הער אויף צו אַרבעטן!

דער שפת אמת זאָגט אַז אָט דער יסוד האָט די תורה אונז געוואָלט דערציילן מיט די מ"ב מסעות, אַז מיר זאָלן וויסן **'כך הוא המדה', דאָס איז די וועג וויאַזוי אָנצוקומען קיין ארץ ישראל!** מ'דאַרף קודם דורכגיין אַלע סאָרט מסעות, עליות און ירידות, ביז דער רבוש"ע ברענגט די גרויסע ישועה און מ'ווערט אויפגעהויבן.

ב

# באמת אין שום מניעה; די ריכטיגע בליק אויף מניעות, במשנתו פון הרה"ק בעל מאור עינים זי"ע

## אַלע סאָרט מניעות איז בלויז אַ דמיון

אין ספה"ק **מאור עינים** (ישמח לב יומא לה, ב) איז דאָ אַ יסוד נפלא וואָס איז וויכטיג לגבי די אַלע סאָרט מצבים וועלכע זענען מונע אַ איד פון זיין עבודת ה'; צום ביישפּיל ווען דער מענטש האָט נישט קיין געלט און בלית ברירה דאַרף ער אַרבעטן שווער אָן קיין צייט צו דינען השי"ת. אָדער פאַרקערט, ווען אַ מענטש האָט יאָ עשירות און צוליב די עשירות איז ער אַזוי טרוד אַז ס'איז ממש נישט שייך ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט עבודת ה'.

דער מאור עינים איז מסביר די גמרא: **'רבי אלעזר בן חרסום מחייב את העשירים און הלל מחייב את העניים'.** און די גמרא פאַרציילט דערויף די באַקאַנטע מעשה אַז הלל איז צוליב גרויס אָרימקייט אַרויפגעקראָכן אויפ'ן דאַך צו לערנען תורה אין דער שניי. און אויף רבי אלעזר בן חרסום דערציילט די גמרא אַז ער האָט געהאַט טויזנט שטעט אויף דער יבשה און טויזנט שיפן אויפ'ן ים, און ער האָט אַלעס איבערגעלאָזט און זיך אַריינגעוואָרפן אין תורה. פון די מעשיות לערנען **חז"ל** אַרויס אַז קיינער איז נישט פּטור פון לערנען תורה, מ'דאַרף מיט אַ שטאַרקייט לוחם זיין קעגן אַלע סאָרט מניעות.

זאָגט דער מאור עינים אַז ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע עומק אין די אַלע סאָרט מצבים, וועלכע זענען מונע אַ מענטש פון דינען דעם אויבערשטן: **'הענין הוא, כי כל בחינה מאלו הבחינות, דהיינו המניעות שיש בעולם, הן עוני או עשירות או שאר מניעות המונעים את האדם מעבודת אלוקות, בכל אחת שורה קליפות שמכוחה יתדמה לאדם למניעה'.** ביי די אַלע מניעות וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, סיי מצבים פון אָרימקייט און סיי מצבים פון עשירות, אָדער אַנדערע מניעות וואָס האַלטן אָפּ דעם מענטש פון עבודת ה', ליגט דאָרט אַ קליפּה וואָס דאָס ברענגט אז דעם מענטש זאל זיך דאכטן אז ער האט א מניעה.

## ס'איז נישט פאַרהאַן קיין אמת'ע מניעות

דאָס הייסט אַזוי: דער מצב אַליין, די עניות אָדער די עשירות, **איז בעצם נישט קיין מניעה!** אדרבא, ס'קען דיך אפילו העלפן אין עבודת ה'. נאר דאָרט אינעווייניג, אין דעם מצב פון עניות אָדער עשירות, ליגט אַ קליפּה, וואָס דאָס ברענגט אַז דו זאָלסט אָנקוקן יענע זאַך כאילו ס'איז אַ מניעה פאר עבודת ה'! די כח הטומאה וואָס ליגט דאָרט, **דאָס מאַכט דעם אָנשטעל**, כאילו אַז דאָס איז אַ סיבה אויף נישט צו לערנען אָדער נישט טון דעם רצון ה'.

ס'איז דאָ אַ לשון פון דעם **אברבנאל** ז"ל (מובא בספר הדורות, סדר ימות עולם ה'רסט), וועלכער שרייבט אויף זיך אַליין, אַז ווען ער איז געווען אַ נאָנטער מקורב למלכות אין שפּאַניע, האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיגע הרחבה מיט געלט און עשירות, אָבער דעמאָלט האָט ער נישט מחבר געווען זיינע ספרים. הערשט שפּעטער, **נאָכדעם וואָס מ'האָט אים פאַרטריבן און ער איז געבליבן בעירום ובחוסר כל, דעמאָלט האָט ער מצליח געווען אין תורה און געשריבן זיינע ספרים.** דער אברבנאל איז דאָרט ממליץ מיט'ן לשון פון **חז"ל:** 'חסורי מחסרא והכי קתני', ווען עס פעלט געלט און הרחבה, אָה דעמאָלט קען מען זיך זעצן לערנען...

דאָס הייסט אַז **די עניות איז בעצם נישט קיין מונע**, און דאָס זעלבע איז עשירות אויך נישט קיין אמת'ע מונע. **נישט קיין שווערע שטוב און קיין שווערע קינדער, קיין איינע פון די זאַכן זענען נישט קיין מונע!** איי, פרעגט דער מענטש: איך זעה דאך בחוש, שוואַרץ אויף ווייס, אַז דער מצב שטערט מיך פון לערנען בישוב הדעת?!

## די קליפּה מאַכט בלויז אַן אָנשטעל

זאָגט דער מאור עינים אַז דאָס וואָס ס'שטערט דיך איז נישט פון דעם מצב אַליין, נאר דאָס איז דער כח הקליפה וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן:

"כי **באמת אין שום מניעה, ואדרבה כי בכל דבר ודבר יש עבודה** כמו שיתבאר בעזרת השם, אך **מכוח הקליפה השורה על הדבר, מכביד על האדם עד שייחשב לו למניעה** וכו' כי באמת אין שום מניעה שימנע את האדם מעבודת אלקות כי **היתכן שהבורא ברוך הוא ישלח לאדם מניעה שימנעהו מעבודתו**?!". - די קליפּה מאַכט שווער אויפ'ן מענטש ביז ער טראַכט אַז דאָ איז דאָ אַ מניעה, אָבער באמת איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווייל וויאַזוי קען דען זיין אַז דער רבוש"ע זאל שיקן אַ מניעה צו אָפּהאַלטן דעם מענטש פון עבודת ה'?!

## אַ דורכגעפאַלענער פּאַרטאָגס...

אַ מענטש האָט מחליט געווען אַז מאָרגן גייט ער אויפשטיין צייטליך כדי צו קענען דאַוונען גענוג פרי מיט אַן ערנסטקייט. ער האָט זיך אָנגעגרייט אַ וועקער זייגער, ער האָט געליינט ערליך קריאת שמע שעל המטה, און ער האָט געמאַכט אַלע נויטיגע הכנות אַז ער זאָל טאַקע קענען מצליח זיין מיט זיין גוטע אונטערנעמונג, און ער איז טאַקע אויפגעשטאַנען צייטליך.

אָבער למעשה האָט דער איד געהאַט פּראָבלעמען מיט אַ גוף נקי און די גאַנצע זאַך איז געוואָרן פאַרפאַטשקעט... ער האָט שוין געדאַוונט האַלב מיט מנין און האַלב ביחידות, ער האָט געדאַרפט אויסטון די תפילין אינמיטן, א.א.וו. און ער פרעגט זיך אַליין: **פאַרוואָס?! כ'בין דאָך שוין אויפגעשטאַנען פרי, ס'איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט, און קוק וויאַזוי ס'האָט זיך געענדיגט!** דער יצר הרע האָט מיך געגעבן אַזאַ פארדריי דעם סדר, און כ'בין געוואָרן אינגאַנצן צעפארן!

אַ צווייטער איד האָט אָנגעשטעלט זיין זייגער אויפצושטיין פרי, און ער האָט אפילו מתפלל געווען אַז ער זאָל קענען אויפשטיין, אָבער אינמיטן די נאַכט האָט עמיצער אַראָפּגעוואָרפן דעם זייגער און די באַטערי איז אַרויסגעפאַלן... דער מענטש וועקט זיך אויף צוויי שעה שפּעטער ווי געפּלאַנט און ער וואונדערט זיך: **אַזוי טיף בין איך געשלאָפן אַז איך האָב נישט געהערט דעם זייגער קלינגען?!** אפשר האָב איך אויסגעלאָשן דעם קלינג כ'בין צוריקגעגאַנגען שלאָפן?! ביז ס'שטעלט זיך אַרויס דער אמת, אַז נאָכדעם וואָס דו ביסט שוין געשלאָפן איז די באַטערי אַרויסגעפאַלן...

**אַזעלכע מעשיות זענען דאָ לאלפים ולרבבות!** יעדעס מאָל נאָכדעם וואָס אַ מענטש האָט זיך גענומען מיט אַן ערנסטקייט און געמאַכט אַ קלאָרע החלטה, און אָנגעגרייט אַלעס וואָס מ'דאַרף, **טרעפט מען זיך פּלוצים מיט אַלע סאָרט מניעות** און זייער אָפט קומט גאָרנישט אַרויס פון דער גאַנצער החלטה.

## דער מסך המבדיל ערמעגליכט די ליכטיגקייט

זאָגט דער מאור עינים: דאָס איז טאַקע אַ גוטע קשיא, **וויאַזוי דאַרף מען אָפּטייטשן אַזאַ מעשה?!** דער מענטש האָט געוואָלט טון אַ גוטע זאַך און ס'איז ממש געשען אַ נס אַז מ'האָט אים אַוועקגעשטופּט און דוחה געווען...

דער מאור עינים גיבט דערויף אַ משל פון דער זון.

די זון גיבט אונז ליכטיגקייט און ווארימקייט, די זון מאַכט וואַקסן און די זון האָט אַסאַך גוטע תכליתים, **אָבער אַ מענטש קען נישט קוקן גראד אויף די זון, אָן דעם וואָס ס'זאָל זיין עפּעס אַ באַשיצער, אַ מסך המבדיל, וואָס זאָל מסתיר זיין און אַוועקנעמען די שטאַרקע ליכט וואָס די זון גיבט אַרויס**, ווייל אויב קוקט מען גלייך אויף די זון שאָדט עס פאַר דעם כח הראי' פון די אויגן.

אַצינד, ווען ס'איז דאָ אַ מסך המבדיל צווישן דיר מיט די זון, **איז דער מסך המבדיל אַ טובה אָדער דאָס פאַרקערטע?!** עס נעמט אַוועק ליכטיגקייט אָדער עס ברענגט ליכטיגקייט?!

די תשובה איז אודאי אַז **דער מסך המבדיל ברענגט ליכטיגקייט!** ווייל טאָמער ס'איז נישט דאָ דער מסך המבדיל, וואָלט מען סתם פאַרברענט געוואָרן פון דער זון, און **מ'וואָלט נישט געהאַט קיין שום נוצן פון די ליכטיגקייט.** בלויז נאָכדעם וואָס מ'האָט מצמצם געווען דעם גרויסן אור, קען דער מענטש הנאה האָבן פון דער זון!

## ריכטיגע דביקות בה' קען קומען בלויז דורך אָנגעבליכע מניעות

זאָגט דער מאור עינים: **'על אחת כמה וכמה עבודת ודביקות הבורא ברוך הוא, אם היה הבהירות פתוח לפניו, לא היה יכול להסתכל ולבוא אל הבהירות'** - אויב וואָלט געווען אָפן פאַר דיר די קלאָרקייט פון דביקות ה', וואָלסטו נישט געקענט קוקן און נישט געקענט נאָנט ווערן צום רבוש"ע, ווייל ס'איז צופיל ליכטיגקייט! ס'וואָלט געברענגט אַ 'שבירת הכלים' פון אַזאַ גרויסע אור.

צוליב דעם ברענגט דער רבוש"ע פאַר'ן מענטש אַזעלכע זאַכן וואָס קוקן אים אויס אַזויוי מניעות, און ווער ס'האָט שכל הייבט דאָס אויף צום ריכטיגן תכלית און ער איז דורכדעם זיך מדבק צו אויבערשטן.

און דער הייליגער מאור עינים גיבט אַ דוגמא פון אַזעלכע סאָרט זאַכן וואָס קוקן אויס ווי מניעות, **אָבער באמת איז דאָס געמאַכט צו מקרב זיין אַ איד צום רבוש"ע.** למשל די מחשבות וואָס פאַרדרייט אַ מענטש דעם קאָפּ כאילו ער גייט נישט קענען אויספירן די זאַך, און אַזוי אויך אַלע אַנדערע סאָרט מניעות, דאָס אַלעס האָט דער רבוש"ע געשיקט ווייל ער וויל דיך מקרב זיין צו אים!

## אַ מצב פון 'הבא ליטמא' איז געמאַכט דיך צו עפענען דעם טיר!

מיט דעם יסוד טייטשט דער מאור עינים דעם מאמר חז"ל: **הבא לטמא פותחין לו.** אויב דו זעהסט אַז ס'קומט דיר אונטער אַ זאַך וואָס איז בא ליטמא, ס'קוקט אויס אַז דאָס גייט דיך מרחיק זיין פון עבודת ה', זאָלסטו וויסן אַז באמת איז דאָס **'פותחין לו'! ס'איז א פתח אַז דו זאָלסט קענען דוקא דורכדעם אַריינקומען און ווערן נאָנטער צום רבוש"ע!** דו מיינסט אַז מ'איז דיך געקומען דאָ מרחיק זיין, אָבער ס'איז נישט אמת! **פונקט פאַרקערט! מען האַלט יעצט אינמיטן עפענען פאַר דיר אַ טיר!**

דער מאור עינים איז דאָרט ממשיך אַז ווען דער מענטש וואָלט פאַרשטאַנען ביי זיין דורכפאַל אַז יעצט האָט מיך דער רבוש"ע נישט מרחק געווען, ער האָט מיך יעצט נענטער געמאַכט! טאָמער דער מענטש וואָלט זיך מתבונן געווען אַז אפילו ס'האָט פאַסירט עפּעס וואָס טויג נישט, שטעלט ער זיך אויף נאָכאַמאָל און ער הייבט אן אַרבעטן פונדאָסניי, ווייל דאָס איז אַ וועג אים צו מקרב זיין צום אויבערשטן. - **דעמאָלט קען ער צוקומען צו אַ מדריגה פון רוח הקודש!**

## די יאוש געפילן וואָס באַהערשן אונז בטעות

דער פּראָבלעם איז נאָר אַז דער מענטש ווערט צעקלאַפּט און ער הייבט אן פאַלן נאָכמער, ווייל ער טראַכט: **בקיצור, ס'איז שוין סייווי דערנאָך, לאָמיר כאָטש צוריקגיין צו די נעכטיגע סאָרט התנהגות...** כ'האָב דאך שוין פּרובירט.

אַזויוי אַ יונגערמאַן האָט זיך אויסגערעדט מיט אַ צעבראָכנקייט אַז ער האָט שוין אַזויפיל מאָל פּרובירט אויפצושטיין פאַרטאָגס, ער האָט שוין אַזויפיל געדאַוונט דערויף, אָבער ס'גייט נישט, און ער פירט אויס שרייבנדיג: "אויב דער רבוש"ע וויל נישט, איז נישט"...

דער מענטש שפּירט ביי זיך: **איך האָב געדאַוונט, איך האָב געטון וואָס כ'האָב נאר געקענט, און דאָס קומט זיך מיר יעצט**, אַז כ'זאָל כאַפּן אַזעלכע צוויי פּעטש און אַז כ'זאָל פאַלן נאָך ערגער ווי כ'בין געווען פריער?!

## ווען מ'האָט גאָר דערלייגט פון די גאַנצע קבלה טובה...

אַמאָל איז אַ יונגערמאַן מחליט אַז ער גייט אויפשטיין פרי פאר יעדן פרייז, און ער שטייט טאַקע אויף, **אָבער נאָכדעם איז ער אַגאַנצן טאָג פאַרמאַטערט און פאַרשלאָפן.** וויפיל כעס און וויפיל דורכפעלער האָט ער געהאַט יענעם טאָג צוליב זיין מידקייט?! אַצינד זאָגט דער מענטש: **ביטע, רעדט נישט צו מיר וועגן אויפשטיין פרי די קומענדיגע צוויי חדשים מינימום...** כ'האָב שוין טועם געווען דעם מורא'דיגן טעם... כ'בין געפאלן צען טרעפּלעך טיפער ווי ווען כ'וואָלט נישט אויפגעשטאַנען פרי'.

דער מענטש מאַכט זיך דעם חשבון: אויב וואָלט איך פאַרשלאָפן וואָלט איך טאַקע פאַרפעלט דעם שיעור און דאָס זאָגן קרבנות פאַר'ן דאַווענען, **אָבער כ'וואָלט כאָטש געווען אַ שטיקל מענטש.** געדענקסט יענעם טאָג ווען כ'בין אויפגעשטאַנען פרי?! כ'האָב געוואָלט טון אַ גוטע זאַך אָבער למעשה בין איך אַגאַנצן טאָג געווען אויסער זיך, כ'האָב נישט געלערנט, נישט געדאַוונט, נישט געמאַכט קיין געלט, און זיך נישט געקענט צוזאַמקלויבן אויף גאָרנישט...

זאָגט אונז דער הייליגער מאור עינים אַז די הרגשים קומען באמת פון דער קליפּה וואָס איז גורם אַז דער מענטש זאל אַריינפאַלן אין אַזאַ גרויסן טעות און דאָס מאַכט ליידער אַז **ער זאָל פאַרלירן די געלעגנהייט** אָנצוקומען צו הויכע מדריגות!

## פאַרוואָס פּונקט דעם פּסוק: 'ותמנע היתה פלגש'?!

דער מאור עינים ברענגט וואָס די גמרא זאָגט אין מסכת סנהדרין (צט, ב) אַז **מנשה המלך היה יושב ודורש באגדות של דופי.** מנשה האָט גענומען פּסוקים וואָס מענטשן ווייסן נישט די עומק דערפון און ער האָט אָפּגעלאַכט דערפון; ער האָט געפרעגט פאַרוואָס די פּסוקים דאַרפן בכלל שטיין אין דער תורה, און מיט דעם כח הליצנות האָט ער געברענגט אַ געוואַלדיגע קרירות און אפיקורסות ביי מענטשן.

פאַרציילט דאָרט די גמרא אַז מנשה האָט געפרעגט: **לא היה למשה לכתוב ותמנע היתה פגלש לאליפז בן עשו.** פאַרוואָס דאַרף די תורה שרייבן דעם פּסוק פון 'ותמנע היתה פלגש לאליפז'?! דאָס איז געווען פון די אגדות של דופי וואָס מנשה האָט גע'דרש'נט.

פאַרוואָס האָט מנשה דוקא געפרעגט די קשיא אויף דעם פּסוק, און נישט אויף אַסאַך אַנדערע פּרשיות אין דער תורה וואָס מ'קען פרעגן ענליך?!

## די געשיכטע פון מנשה המלך

זאגט ער די הסבר איז, ווייל מנשה האָט דאָך שפּעטער תשובה געטון, און אדרבא, **דאָס איז דאך די הויכע און גרויסע סוד פאַרוואָס דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז מנשה זאָל קומען אויף דער וועלט.**

אַזוי זאָגט די **גמרא** אין מסכת ברכות (י, א) אַז ישעי' הנביא איז געקומען מבקר חולה זיין חזקי' המלך און אים געזאָגט נביאות אַז ער גייט אַוועקגיין פון דער וועלט ווייל ער האָט נישט חתונה געהאַט. האָט חזקי' המלך געזאָגט אַז ער וויל נישט מקיים זיין די מצוה פון פרי' ורבי', ווייל ער זעט ברוח הקודש אַז ס'גייט פון אים אַרויסקומען נישט ערליכע קינדער. אָבער דער נביא האָט אים געענטפערט: **'בהדי כבשי דרחמנא למה לך? מאי דמפקדת - איבעי לך למעבד, ומה דניחא קמיה קודשא ברוך הוא - לעביד'.** וואָס מישט דו זיך אַריין אין די באַהאַלטענע דרכים פון דעם רבוש"ע?! וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן טון, דאַרפסטו פאָלגן! און וואָס דער אויבערשטער וויל טון, זאָל ער טון.

חזקי' האָט טאַקע אָנגענומען די ווערטער און למעשה איז געבוירן געוואָרן מנשה וואָס האָט גאָר שטאַרק געזינדיגט, אָבער שפּעטער האָט ער תשובה געטון. אין די **ספרים הק'** שטייט אַז **איינס פון די 'כבשי דרחמנא' איז טאַקע געווען אָט די תשובה!** דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז מ'זאָל אַרויסלערנען פון מנשה דעם כח פון תשובה און תפלה,

## ⟡ אותיות מחכימות ⟡

ספה"ק מאור עינים ישמח לב יומא לה, ב

הענין הוא כי כל בחינה מאלו הבחינות, דהיינו המניעות שיש בעולם, הן עוני או עשירות או שאר מניעות המונעים את האדם מעבודת אלקות, בכל אחת שורה הקליפות שמכוחה יתדמה לאדם למניעה.

כי באמת אין שום מניעה, ואדרבה כי בכל דבר ודבר יש עבודה כמו שיתבאר בעזרת השם, אך מכוח הקליפה השורה על הדבר, מכביד על האדם עד שייחשב לו למניעה וכו' כי באמת אין שום מניעה שימנע את האדם מעבודת אלקות כי היתכן שהבורא ברוך הוא ישלח לאדם מניעה שימנעהו מעבודתו.

אך מה שידמה לאדם למניעה, הענין הוא כי שמש ומגן ה' אלוקים (תהלים פד, יב) כביכול דרך משל באלף אלפי אלפים הבדלות עד אין קץ ותכלית השמש לא יוכל האדם להסתכל בה בלי מסך ומגן שימנע הבהירות, על אחת כמה וכמה עבודת ודביקות הבורא ברוך הוא, אם היה הבהירות פתוח לפניו, לא היה יכול להסתכל ולבוא אל הבהירות, לכך הוצרכו לאדם דברים שידמו לו למניעות, ומי שיש לו שכל, אזי מגביה את הדבר למעלה אל המכוון האמיתי ומדבק את עצמו מזה יותר, הן המחשבות הבאים לאדם שידמה בעיניו למניעה וטרדה, הן שארי דברים, הכל הוא שלוח אצלו מאתו יתברך לקרבו אצלו.

וזהו פירוש הבא לטמא פותחין לו (יומא לח, ב) כי באמת הוא פתח שייכנס אל הבהירות, ואם היה האדם עושה כן בשעה שבאה לידו עבירה או שחשב בשום עבירה או מחשבה רעה, יכול לבא למדריגת רוח הקודש, אך הוא נמשך אחריהן ונופל יותר.

וזהו שאמרו (סנהדרין צט, ב) מנשה היה יושב ודורש באגדות של דופי, לא היה למשה לכתוב ותמנע היתה פלגש וגו' (בראשית לו, יב), כי מה ראה [מנשה] דוקא להקשות על זה ולא על שאר פרשיות שבתורה כיוצא בזה.

אך הענין הוא כי מנשה קודם שעשה תשובה, היה אומר כי יש מציאות מניעות בעבדות השם, אם יזדמן לאדם איזו מניעה – פטור (מעבודת ה'). והתורה אמרה: ותמנע, פירוש, תמנע הוא מלשון מניעה. אם אומר שיש מניעה – היתה פלגש לאליפז, אזי הוא בקליפיות, כי באמת הוא כנ"ל ומנשה לא היה מודה בזה. והבן, כי באמת כל התאוות וכל המחשבות הוא מפתח לעבודה, כמאמר התורה (בראשית ג, ו) וכי תאוה הוא לעינים פירוש התאוה היא לעין שיוכל ממנה לראות הבהירות.

**אפילו פון אַזאַ איינעם וואָס האָט אַזוי שטאַרק געזינדיגט**, אָבער טראָצדעם האָט השי"ת חותר געווען אַ חתירה מתחת כסא הכבוד און ער האָט אים מקבל געווען בתשובה.

### מנשה האָט געהאַט די גרעסטע מניעה אויף דער וועלט

אַז מ'קלערט אַריין אין דעם מצב פון מנשה בעפאָר ער האָט תשובה געטון, האָט ער דאָך געהאַט אַזעלכע גרויסע מניעות אויף אַ דרגא אַז ער האָט זיך ממש נישט געקענט אַרויסדרייען דערפון. **ווייל דאָס איז דאך געווען זיין שליחות, אַז ער זאָל זיין אַ חוטא!**

מנשה האָט נישט געהאַט סתם קליינע מניעות, נאָר **ער איז געבוירן געוואָרן מיט אָט דעם ציל, אַז ער גייט זינדיגן און נאָכדעם גייט ער תשובה טון.** דאָס הייסט אַז אין אַ געוויסן זין האָט ער נישט געהאַט קיין בחירה. הגם אַז דאָס גייט שוין אַריין אין אַ טיפע סוגיא וואָס מיר פאַרשטייען נישט און ס'איז אַסאַך העכער פון אונזער השגה, ס'איז באמת 'כבשי דרחמנא'; אָבער אויף וויפיל ס'איז אונז נוגע **איז דאך זיכער אַז מנשה האָט געהאַט זייער שווערע און גרויסע מניעות.**

### מנשה האָט צוערשט נישט פאַרשטאַנען דעם טיפן באַדייט פון מניעות

זאָגט דער הייליגער מאור עינים אַז די טייטש פון דעם פסוק: 'ותמנע היתה פלגש לאליפז בן עשו', איז אַז ווען דער מענטש האָט אַ מניעה (מלשון מניעה) דעמאָלט זאָל ער וויסן אַז **דאָס איז בלויז אַ קליפּה, אָבער באמת קען אים גאָרנישט צוריקהאַלטן פון עבודת ה'**. אָט די הבנה - כאילו ער קען נישט נתקרב ווערן צו השי"ת צוליב זיין מצב וואו ער געפינט זיך - איז ממש אַ קליפּה, דאס איז אַ חיבור צו 'אליפז בן עשו'.

אָבער מנשה האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, און דעריבער האָט ער געפרעגט פאַרוואָס דאַרף שטיין דער פסוק, ווייל ער האָט נישט משיג געווען דעם ענין פון מניעות אַז: **'באמת כל התאוות וכל המחשבות הוא מפתח לעבודה'**. מנשה האָט דוקא געפרעגט אויף דעם פסוק, צוליב דעם וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז פּשט פון די מניעות ביי עבודת ה'. ער האָט געפרעגט אַז לכאורה אויב אַ מענטש האָט מניעות איז נישט שייך אַז ער זאָל זיך מתגבר זיין.

### די מניעות פון מנשה האָט געברענגט אַ תשובה לדורות

דער אמת איז אָבער, אַז **מנשה אַליין איז טאַקע די גרעסטע ראי' אויף דעם מציאות** אַז מניעות איז נישט קיין אָפּהאַלט פון עבודת ה'! נאָכדעם וואָס ער האָט תשובה געטון האָט מנשה אויסגעלערנט פאר גאַנץ כלל ישראל אַז **אפילו נאָכדעם וואָס אַ איד האָט שוין געדינט אַלע עבודה זרה'ס אויף דער וועלט קען ער זיך ווענדן צום רבוש"ע מיט אַ צעבראָכן האַרץ פון אַן אמת'ע פלאַץ**, און דער אויבערשטער גייט אים העלפן און אים צוריקנעמען!

קומט אויס אַז **טאַקע די מניעות האָבן צוגעברענגט אַזאַ טיפע עבודת ה'!** עס האָט געברענגט אַ זאַך וואָס קיינער וואָלט נישט געקענט משלים זיין! בלויז מנשה מיט זיין גרויסע מניעה האָט געקענט ברענגען אַזאַ הבנה און די השגה פאַר אידישע קינדער אין אַלע דורות ביז עקבתא דמשיחא, פאר אַלע פאַרוואָרפענע נשמות. **וויפיל חיזוק וועט זיי דאָס געבן, ווען זיי וועלן וויסן אַז יעדע סאָרט מניעה וואָס איז נאָר פאַרהאַן, גייט צום סוף אַרויסברענגען עפּעס אַ נייע אור**, אַ טיפערע דערהער אין 'מלכותך מלכות כל עולמים' אַז אפילו אין די קליפּות איז באַהאַלטן דער רבוש"ע און אַלעס האָט אַ העכערן תכלית.

ג

## כי נכון הדבר מעם האלוקים; מניעות איז אַ וועגווייזער פאַר אונזער עבודת ה'

### די צוגאַנג צו מניעות וואָס בלאָקירן דעם וועג

יעצט לאָמיר רעדן אויף למעשה; דער מאור עינים באַלייכט אונז דאָ **מיט אַ רוח הקודש'דיגע אור**, וויאַזוי צו באַטראַכטן די אַלע סאָרט מניעות וואָס קען זיך מאַכן אין אַ מענטש'נס לעבן, אַריינגערעכנט **אַזעלכע מניעות וואָס קוקט אויס פאַר'ן מענטש ממש ווי אַ וואַנט וואָס מ'קען נישט ריקן.** לויט זיין געפיל און זיין הבנה איז פּשוט נישט שייך אַז מ'זאָל קענען דינען דעם רבוש"ע אין אַזאַ מצב אפילו אויב ער וויל שטאַרק.

און דאָס ברענגט אַז טיף אינעווייניג אין האַרץ האָט דער מענטש אויך אַביסל תרעומות אויף השי"ת: **מיט אַזעלכע מניעות איז דאָך נישט מעגליך אַנדערש, ומה יעשה הבן שלא יחטא?!**

### די טרערן פון אַ צעבראָכענער טאַטע

ס'איז דאָ זייער אַסאַך פאַרווייטאָגטע זאַכן וועלכע גייט אַריין אין דער סוגיא, צום ביישפּיל: אַ איד האָט אַ בחור'ל וואָס מוטשעט זיך מיט שווערע פּראָבלעמען אין נפש און אויך שוועריגקייטן אין קאָנצענטראַציע. **דער טאַטע פאַרשטייט זייער גוט פאַרוואָס דער משגיח זאָגט אים אַז דער בחור באַלאַנגט נישט אין אונזער ישיבה**, ס'איז נישט געמאַכט פאַר אים. דער טאַטע בייזערט זיך אַביסל אָבער ער ווייסט דעם אמת אַז דער משגיח איז נישט שולדיג, ווייל ער, דער טאַטע אַליין, ווייסט אויך נישט וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט'ן קינד.

דערווייל איז איינער מציע פאַר'ן טאַטן עפּעס אַ שוואַכערע ישיבה פאַר'ן בחור, אָבער אין יענער ישיבה זענען דאָ אַסאַך בחורים וואָס קומען פון אַנדערע סאָרט שטיבער, זיין בחור וועט זיך דאָרט דרייען אין נישט קיין גוטע סביבה, און דער טאַטע קען אפילו נישט טראַכטן דערפון, אָבער וואָס זאָל ער טון?!

דער טאַטע ווערט אַזוי צעריסן אינערליך און ער פרעגט מיט טרערן: **קענסט מיר זאָגן וואָס כ'זאָל יעצט טון?!** דער בחור גייט יעצט פאַלן גאָר שטאַרק, זיי מיר מסביר פאַרוואָס?! בלויז ווייל דער רבוש"ע האָט אים באַשאַפן מיט אַ קאָפּ וואָס קען זיך נישט קאָנצענטרירן?! כ'הער וואָס דו זאָגסט אַז ער דרייט איבער די יעצטיגע ישיבה, אָבער וואָס זאָל איך טון מיט אים?!

שוין אָפּגערעדט אַז וויפיל מער און שטאַרקער איז די ווייטאָג דריי יאָר שפּעטער, און דער בחור קוקט נעבעך אויס גאָר אַנדערש נאָכ'ן זיך דרייען אין יענע שוואַכערע ישיבה, ווען דער טאַטע זאָגט: **נו, דאָס האָב איך דיר געזאָגט!** כ'האָב דאך געוואוסט אַז דאָס גייט געשען, **אויף דעם האָב איך דאָך געוויינט!** וואָס האָט דער רבוש"ע געוואָלט דאָ?!

### יעדע סאָרט מניעה גייט אַריין אין דעם כלל פונעם מאור עינים

דאָס איז בלויז איין ביישפּיל. אַזוי איז דאָ נאָך אַזויפיל משלים, ווען **קינדער ווערן נעבעך אַראָפּגעשלעפּט צוליב אַרומיגע מצבים.** אַמאָל איז דאָס צוליב דעם וואָס ביי זיינע עלטערן איז דאָ אַ מצב פון 'מזבח מוריד עליו דמעות', און **דאָס קינד איז צעריסן צווישן צוויי וועלטן.** ער ווייסט נישט וואָס טוט זיך מיט זיך, ווייל ער ווערט אַרומגעשלעפּט צווישן ביידע זייטן. דאָס איז אַזוי שטאַרק פּוגע אין זיין נפש. אַזעלכע פעלער זענען גענוג פאַרווייטאָגט און מ'דאַרף נישט מער מרחיב זיין דערוועגן.

די אַלע סאָרט זאַכן זענען מניעות, גאָר גרויסע מניעות. אָבער **דער מאור עינים האָט דעריבער דוקא גענומען די גרעסטע מניעה וואָס איז נאָר געווען אויף דער וועלט!** דער מאור עינים איז געגאַנגען ביז צו דער מניעה פון מנשה המלך, כדי אַז אַלע סאָרט מניעות זאָל זיין נכלל אין דעם יסוד וואָס ער לייגט אַראָפּ.

מ'וואָלט געקענט זאָגן אַז מניעות מיינט, ווען אַ מענטש איז אַביסל מיד און ער קען זיך אָפּוואַשן דאָס פּנים, באמת איז דאָס אויך מניעות, און **יעדע סאָרט מניעה איז טאַקע אַריינגערעכנט אין דעם יסוד פונעם מאור עינים.** ס'איז נישטאָ קיין יוצא מן הכלל! ווען אַ מענטש האָט סיי וועלכע מניעה זאָל ער וויסן אַזוי: דער מצב וואו דו געפינסט זיך איז איין זאַך, און די תכלית פון דעם מצב איז אַן אַנדערע זאַך.

### ווען אַ שידוך אַרבעט זיך נישט אויס, גייט מען צום קומענדיגן

לאָמיר מסביר זיין די נקודה: שטעלט זיך פאר אַ מענטש וויל זייער שטאַרק ענדיגן אַ געוויסע שידוך. ס'ריקט זיך ווייטער און ווייטער, אָבער אינמיטן שטויסט ער זיך אָן אין אַ וואַנט. ער ווייסט נישט וואָס ס'האָט פּאַסירט, מעגליך דאַרפן זיי אַ שידוך מיט מער געלט; מעגליך האָט עמיצער זיי געגעבן נישט גוטע אינפאָרמאַציע; ס'איז נישט קלאָר די סיבה, אָבער למעשה טאַפּט ער אַ וואַנט.

ער פּרובירט עס נאָך שטופּן, אפשר דאָך וועט עפּעס ווערן, אבער גאָרנישט. ער שיקט אונטער אַ שוואָגער זאל פּרובירן, אָבער ס'גייט ווייטער נישט. וואָס פאַרשטייט אַזאַ מענטש?! אָדער בעסער געפרעגט: וואָס דאַרף אַזאַ מענטש פאַרשטיין?! אַז **אָקעי, כ'האָב געמיינט דאָס איז די ריכטיגע זאַך, למעשה שטעלט זיך אַרויס אַז ס'איז נישט די פּאַסיגע שידוך פאר מיין קינד.** לאָמיר גיין ווייטער צו עוסק זיין אין אַנדערע שידוכים!

### השי"ת וויל אַז דו זאָלסט גיין אין אַן אַנדערע דירעקציע

ביי עבודת ה' איז נישט אַנדערש; **פאַר'ן מענטש דאַכט זיך אַז ער דאַרף יעצט טון די ספּעציפישע זאַך אין עבודת ה'**, ווייל דאָס איז מיין שליחות און איך מוז דוקא טון די סאָרט עבודה. אָבער באמת איז 'הרבה דרכים למקום'!

אודאי דארף יעדער איד זיין אָפּגעהיטן און יעדער איד דארף לערנען און דאַווענען, אָבער **יעדער באַקומט אַן אַנדערע וועג וואָס ער דאַרף דורכגיין אָנצוקומען אַהין!** יעדער האָט אַנדערע נפילות אויפ'ן וועג, ווייל די ביטול צום רבוש"ע וואָס מען באַקומט אויפ'ן וועג, און די הבנה אַז **'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו'** וואָס מען דערהערט אינמיטן די שוועריגקייטן, **דאָס איז אַנדערש ביי יעדן איד!**

דעריבער ווען דו האסט פּרובירט צו דינען דעם אויבערשטן אויף איין סאָרט מהלך און דו זעהסט אַז ס'גייט נישט בשום אופן, זאָלסטו פאַרשטיין אַז **דער אויבערשטער וויל פון דיך האָבן אַן אַנדערע וועג!**

### די ביטערע געפיל פון איבערלאָזן די כולל וועלט

**אַ פרישער יונגערמאַן האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט בלייבן ביים לערנען אין כולל. ווער רעדט נאָך אַז אויך זיין אשת חיל האָט אַלע יאָרן געשטרעבט, און מתפּלל געווען אַז איר מאַן זאָל זיין אַ תלמיד חכם וועלכער זיצט און לערנט אַגאַנץ לעבן.**

דער יונגערמאַן איז בסך הכל דריי און צוואָנציג

יאָר אַלט, אָבער ס׳איז אַרויפגעפאַלן אויף אים אַ געלט פּרשה, און יעצט איז ער געוואָרן אַ בעל חוב און ער זעט נישט וויאַזוי ער קען ענדיגן דעם חודש. **ער איז פּשוט געצווינגען אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.** ער האָט טאַקע אָנגעפרעגט זיין מורה דרך וועלכער האָט אים גע׳פּסק׳נט אַז ער האָט נישט קיין ברירה, ער מוז אַרויסגיין פון כולל און אָננעמען אַ פּרנסה.

וכאן הבן שואל: דאָס איז דאָך נישט קיין סתם מניעות! **איך שפּיר ווי ס׳איז ממש סתימת הגולל!** אַלעס איז געענדיגט! מיין גאַנצע שאיפה גייט לטמיון!

## לעשות רצונך אלקי חפצתי; וואַרף זיך אונטער דעם פּלאַן פון השי״ת

זאָל דער יונגערמאַן פאַרשטיין אַז **דער רבוש״ע רעדט יעצט צו דיך!** ער זאָגט דיך קלאָר אַז די וועג אָנצוקומען צו ׳דיין׳ עבודת ה׳ איז דורך **אן אַנדערע סדר ווי דו האסט געמיינט.** דוקא דאָס וויל דער אויבערשטער פון דיר!

דער מאור עינים לערנט אונז, אַז עניות אָדער עשירות זענען נישט קיין מניעה דיך אָפּצוהאַלטן פון דינען דעם רבוש״ע. נאר **די אַלע מניעות זענען אַזויווי די וואַנט וואָס ווייזט דיך אן אַז די שידוך איז נישט דיינס**, נאר די אַנדערע שידוך איז פאַר דיר!

## די ערשטע מהלך איז נישט געווען גוט פאַר דיר

מ׳קען זען ביי אַ מענטש וועלכער האָט זייער שטאַרק געוואָלט אַ געוויסן שידוך, ער האָט שוין ממש געהאַלטן אָט אָט דערביי, און פּלוצים איז עס צעפאַלן, שפּירט ער זיך אַצינד אַלס אַ דורכפאַל. אָבער דאָס איז בלויז אַ דמיון וואָס וועט האָפנטליך געדויערן נאר אַ קורצע צייט.

אַסאַך מאָל וועט השי״ת העלפן און צוויי וואָכן שפּעטער וועט אונטערקומען אן אַנדערע שידוך, און דאַן טרעפט מען דעם זעלבן מענטש, אָבער יעצט זינגט ער גאָר אן אַנדערע ניגון: **כ׳האָב ב״ה געטראָפן טויזנט מאָל אַ בעסערן שידוך! כ׳האָב אפילו נישט געקענט חלומ׳ן פון אַזאַ זאַך!**

למפרע שטעלט זיך אַרויס אַז די ערשטע שידוך איז נישט געווען דיינס און **דער רבוש״ע האָט דיך געוואָלט גוטס טון, דערפאַר האָט ער אָפּגעהאַלטן יענעם שידוך**, אַז דו זאָלסט קענען באַקומען דעם ריכטיגן שידוך וואָס איז יאָ פּאַסיג פאַר דיר!

## אונזער עבודה איז נאָכצוגיין די דירעקציע אָנווייזונגען

געגוי דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ מיט אַ יונגערמאַן וואָס דער אויבערשטער האָט אים אַרויסגעשיקט פון כולל ווייל ער האָט נישט מצליח געווען דאָרט. דער שווער קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר אויגן: **וואָס איז די מעשה?! כ׳האָב דאך אויסגעצאָלט אַהאַלבע דירה פאַר דיר אַז דו זאָלסט קענען בלייבן אין כולל?!** אָבער דער אמת איז: **דאָס איז נישט געווען זיין מהלך אין עבודת ה׳!**

אויב דער מענטש וועט יעצט פאַלן און זאָגן: ״אַז דער רבוש״ע וויל נישט איז נישט״... דעמאָלט וועט ער חלילה אַריינפאַלן אין די קליפּה, אַזויווי מנשה האָט גע׳דרש׳נט בעפאָר ער האָט געטון תשובה. אָבער אַן ערליכער איד זאָגט: **דער רבוש״ע האָט אויסגעקליבן פאר מיר אן אַנדערע מהלך אין עבודת ה׳!** דער רבוש״ע האָט מיך יעצט צוגעהאָלפן, ער האָט זיכער געמאַכט אַז איך פאַל נישט אַריין אין אַן אומריכטיגע מהלך. **איך גיי אים דינען אויף דעם וועג וואו ער האָט מיך אַריינגעשטעלט!**

## אָן קיין תורה אויפ׳ן דאַך וואָלט נישט געווען קיין הלל הזקן

לאָמיר אַריינקלערן: ווען הלל האָט זיך געטראָפן אין אַ מצב אַז ער קען נישט אַריינגיין לערנען אין בית המדרש, ווייל דער שומר לאָזט אים נישט אַריין, **איז דען געווען אַ גרעסערע מניעה פון דעם?!** אָבער דער רבוש״ע האָט געהאַט אן אַנדערע מהלך פאַר אים. **זיין מסירת נפש אַרויפצוקריכן אויפ׳ן דאַך און זיך איינבייגן ביים פענסטער, באַגלייט אונז ביז׳ן היינטיגן טאָג.**

שוין אָפּגערעדט אַז די אַלע הייליגע השגות וואו הלל איז אָנגעקומען איז בלויז געווען **טאַקע וויבאַלד מ׳האָט אים נישט אַריינגעלאָזט.** ווען דער שומר לאָזט אים יאָ אַריין וואָלט קיינמאָל נישט אויסגעוואַקסן אַזאַ הלל!

## מניעות איז נישט קיין שטער; מניעות איז אַ מיטל צו דערהייבן

די זאַך וואָס זעט אויס ווי די גרעסטע מניעה אין עבודת ה׳, איז באמת נישט קיין שטער פון עבודת ה׳, **עס שטערט דיך בלויז פון דעם מהלך וואָס דו האסט געוואָלט דאָרט גיין.** ריכטיג אַז יעצט אויף די מינוט האָסטו געוואָלט דינען דעם רבוש״ע מיט אַ געוויסע סאָרט מהלך, **אָבער דער אויבערשטער האָט דיך געשטעלט אַ וואַנט, און דו ביסט נישט מצליח צו טון וואָס דו האסט געוואָלט.** טאָמער דער מענטש גייט אַצינד און דינט דעם אויבערשטן לויט זיין יעצטיגן מצב, **ווערט ער אַזוי נאָענט צו השי״ת דורכדעם.**

דער מענטש איז אויפגעשטאַנען שפּעט, נאָכדעם וואָס ער האָט אָנגעשטעלט אַ זייגער און די באַטערי איז אַרויסגעפאַלן אינמיטן דער נאַכט. ער וועקט זיך אויף און קוקט צען מאָל אויפ׳ן זייגער: **וואָס?! ס׳איז שוין אַכט אַזייגער?! ס׳קען נישט זיין!** ער קוקט אויף אַלע זייגערס אין שטוב, און ס׳שטעלט זיך אַרויס אַז ער האָט זיך נישט גענאַרט, ס׳איז באמת אַכט אַזייגער... וואָס טו איך יעצט?!

דאָס איז טאַקע די שאלה. **וואָס גייסטו טון אַ מינוט שפּעטער?!** פאַרשטיי אַז דאָס איז נישט געווען קיין מניעה אין עבודת ה׳! **ס׳איז געווען אַ מהלך וויאַזוי דיך צו פירן אַז דו זאָלסט אמת׳דיג דינען דעם אויבערשטן.**

אַ איד דאַרף אַלעמאָל האַלטן פאר די אויגן: **איך זוך נישט דעם פאַרטאָגס, איך זוך דעם רבוש״ע!** פאַרוואָס האָב איך געוואָלט אויפשטיין פאַרטאָגס?! **ווייל כ׳האָב געוואָלט דינען דעם אויבערשטן!** אַצינד האָט השי״ת געוואָלט זען אויב דו גייסט אים ווייטער זוכן, אפילו ווען דו ביסט פאַרשלאָפן בשוגג דעם פאַרטאָגס, אָדער גייסטו זאָגן: ״רבוש״ע, אויב דו ווילסט נישט פאַרטאָגס, דעמאָלט בין איך נישט אינטערעסירט אין עבודת ה׳...״

ד

# לבעבור נסות אתכם; די שווערקייטן הייבן אויף דעם איד צו זיין אמת׳ע שלימות

## אנא אני בא מצערו של אבא

דאָס איז אויך אַקטועל לגבי דעם פּאַרוויטאָגטן ביישפּיל, וואָס מ׳האָט דערמאַנט, פון אַ טאַטע וואָס שטרעבט אַזוי שטאַרק אַז זיין בחור זאל אויסוואַקסן ערליך אין ישיבה, אָבער ער טאַפּט אַ וואַנט.

ס׳איז דאך אַזוי ווייטאָגליך, ס׳קאָסט פאר דעם טאַטן דמים תרתי משמע און ער פרעגט: **וואָס וויל איך דען?! איך וויל בסך הכל אַז מיין קינד זאָל זיין אַ ירא שמים!** וויפיל פּעטש דאַרף איך נאָך כאַפּן?! וויפיל עגמת נפש?! מ׳קען מיינען אַז וואָס איך וויל דאָ האָבן?! געלט?! לוקסוס?! **איך לייג דאך אַריין וויפיל געלט כ׳האָב נאר כדי צוצושטעלן זיינע רוחניות׳דיגע באַדערפענישן**, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַן ערליכער איד, אָבער יעדע זאַך וואָס איך טו פאַלט מיר אויפ׳ן פּנים צוריק...

## זיך מתבונן זיין; וואָס איז יעצט דער רצון ה׳?!

זאָגט דער הייליגער מאור עינים, כ׳וויל דיך פרעגן איין שאלה: **פאַרוואָס האָסטו געוואָלט אַז דאָס קינד זאל אויסוואַקסן אַ ירא שמים?!**

פרעגט דער מענטש צוריק: **וואָס פאַראַ סאָרט קשיא איז דאָס?!** יעדער איד וויל דאך האָבן גוטע און ערליכע קינדער?! זאָל איך נישט וועלן האָבן קינדער יראי שמים?!

אָבער מ׳פרעגט אים נאָכאַמאָל די זעלבע שאלה: **פאַרוואָס האָסטו געוואָלט אַז דיין יונגל זאל אויסוואַקסן אַן ערליכער איד?!** מ׳וועט דאָס נישט אויפהערן פרעגן, ביז דער מענטש וועט אָנקומען צום ריכטיגן ענטפער: **ווייל דאָס איז די רצון פון דעם רבוש״ע!**

אָה, דו ווילסט אַז דיין קינד זאָל זיין ערליך, ווייל דאָס איז דער רצון ה׳. אַלזאָ, **יעצט אין דיין מצב, וואָס איז דער רצון פון דעם רבוש״ע?!**

## די ריכטיגע צוגאַנג וואָס קומט פון געטריישאַפט

לאָמיר עס פאַרשטיין מיט אַ משל: עס זיצט ביים טיש אַ קליין קינד וואָס קען נאָכנישט רעדן, און די עלטערן האָבן אַזאַ אהבה צו אים, זיי גרייטן אים אן עסן. אָבער דאָס קינד מאַכט אַ תנועה אַז ער וויל נישט דאָס עסן. מען פּרובירט מיט אַ לעפל, מען פּרובירט אויף אַנדערע אופנים, אָבער דאָס קינד מאַכט אַלע סאָרט תנועות אַז ער וויל נישט...

אַצינד איז דאָ צוויי וועגן וויאַזוי די עלטערן קענען רעאַגירן: איין וועג איז צו זאָגן פאַר׳ן קינד: **הער זיך איין, איך האָב דיר געוואָלט געבן עסן, אַז דו ווילסט נישט עסן - איז נישט! דו מיינסט אַז ס׳גייט מיך אָן?!**

אָדער איז דאָ אן אַנדערע וועג: די מאַמע פרעגן פונעם קינד, אָה, דו ווילסט נישט די סאָרט עסן?! **איז וואָס ווילסטו יאָ?!** די געטרייע עלטערן וועלן פּרובירן צו אויס׳חשבונ׳ען וואָס פאַראַ עסן דאָס קינד וועט יאָ עסן, ביז מען טרעפט ענדליך צו, און דעמאָלט איז דאָ אַזאַ שמחה: **אָה, דאָס האָט ער געוואָלט!**

## דער טעות ווען מ׳ווערט פאַרלוירן פון אַן הסתרה

דאָס זעלבע איז לענינינו; דער מענטש קומט אָן צום אויבערשטן און זאָגט: ״רבוש״ע כ׳האָב דיך געוואָלט דינען, כ׳האָב געוואָלט לערנען פאַר דיר, כ׳בין געקומען מיט אַ מתנה צו ברענגען אַ קרבן פאַר דיר״.

אָבער דער רבוש״ע איז זיך מסתיר. ער וויל נישט נעמען דיין יעצטיגע עבודת ה׳. און דער מענטש ווערט אינגאַנצן פאַרלוירן: **וואָס הייסט?! כ׳האָב דיך געברענגט אַ קרבן, כ׳האָב דיך געברענגט ביכורים!!**

איינער וואָס פאַרשטייט נישט די נקודה זאָגט: **״רבוש״ע, דו ווייסט ווי שווער כ׳האָב געאַרבעט דאָס צוצושטעלן?!״**... ער קלאַפּט אויף אַלע טירן, און נאָכדעם וואָס ער האָט שוין אַלעס פּרובירט און אַזויפיל משקיע געווען דרייט ער זיך אַרום מיט דער הרגשה: ״בסדר, אויב דער אויבערשטער וויל נישט, איז נישט״... ער איז אַזוי צעבראָכן: ״איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, אָבער אַזוי האָט דער אויבערשטער געוואָלט, יעצט בין איך פּטור״...

## עם מבקשי רצונך; וועלכע עבודה וויל השי״ת פון מיר יעצט?!

אָבער דער הייליגער מאור עינים לערנט אונז, אַז אויב דער מענטש איז קלוג זאָגט ער אַנדערש: **אויב דער רבוש״ע וויל נישט דעם קרבן, וועל איך אים פרעגן וועלכע עבודה ער וויל יאָ!** ס׳איז נישט פּשט אַז דער אויבערשטער וויל נישט מיין עבודה, **אודאי וויל ער יאָ מיין עבודה!** נאָר

ער וויל עפּעס אַן אַנדערע סאָרט מהלך, און נישט די וועג וואָס איך האָב אויסגעקליבן! דער רבוש"ע וויל זען **צי איך גיי אים געבן וואָס 'ער' וויל האָבן פון מיר.**

אַמאָל קען זיך אַריינכאַפּן אַ געפיל ביים מענטש: איך ברענג בלויז קרבן עולות, אויב דער רבוש"ע וויל האָבן אַ קרבן שלמים, זוך אַ צווייטן... איך ברענג נישט קיין שלמים וואָס בלויז אַ קליינע חלק דערפון קומט אן אויפ'ן מזבח און די איבריגע פלייש עסט מען אויף. **איך וויל ברענגען דוקא אן עולה וואָס איז כולו לה'.** אויב דו ווילסט נישט קיין עולה, בין איך מסכים אַז אַ צווייטער זאל ברענגען אַ שלמים, אָבער נישט איך...

## מיין שלימות איז נישט צו ברענגען קיין קרבן עולה

ס'הערט זיך זייער שאַרף, אָבער leider שפּילט זיך דאָס אָפּ אין אונזער לעבן. **וויפיל מאָל איז דאָ, ווען אַ מענטש האָט געוואָלט אַז זיין קינד זאָל זיין אן עולה תמימה פאר השי"ת.** זיין נשמה האָט אַזוי געשטרעבט אַז דאָס קינד זאָל זיין ערליך און הייליג, **אָבער דער רבוש"ע האָט געזאָגט ניין!** און דער מענטש ווערט אין אַ פאַרלעגנהייט, ער ווערט אַזוי צעבראָכן ביי זיך.

אָבער דער עובד ה' זאָגט: קוקט אויס אַז מיין שלימות איז צו ברענגען אַ שלמים, **מיין קינד זאָל נישט זיין קיין עולה,** נאר אַ נידריגערע מדריגה, **דאָס האָט דער רבוש"ע געוואָלט פון מיר!**

נאָכמער, אויב איך גיי ברענגען די אומריכטיגע קרבן וועט דאָס בכלל נישט מכפר זיין, ווייל **אין מיין יעצטיגע מצב דאַרף איך האָבן דוקא אַ שלמים,** אַז די כהנים זאלן יאָ עסן דאָס פלייש, כדי ס'זאָל זיין 'כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים'.

און ווען דער מענטש דינט דעם אויבערשטן אויף אַזאַ אופן, **ווייסטו וואָס ס'גייט מאַכן פון דעם מענטש?! ס'גייט אים צווינגען צו באַקומען אַזאַ שלימות'דיגע ביטול צום רבוש"ע!** ס'גייט אַרויסקוועטשן פון אים אַז ער זאָל אַגאַנצן צייט זאָגן: הנני!

## צוערשט 'העלהו לעולה'; דערנאָך 'אל תשלח ידך'

שטעלט אייך פאָר וויפיל כוחות הנפש ס'האָט זיך געפאָדערט פאר אברהם אבינו אַז ער זאָל נעמען 'את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק', און אים אַרויפלייגן אַלס אַן עולה אויפ'ן מזבח, און ענדליך ווען ער איז שוין אָנגעקומען דאָרט אויפ'ן באַרג און ער האַלט שוין דעם מעסער אין דער האַנט, זאָגט אים דער מלאך: אל תשלח ידך אל הנער! **ניין, יעצט זאָג איך אַז נישט!**

דער רבוש"ע פאַרלאַנגט פונעם מענטש: **איך דאַרף בעיקר האָבן דיין אמת'ע ביטול!** פריער האָב איך געוואָלט אַז דו זאָלסט מיך דינען אויף אַזאַ אופן, און יעצט וויל איך אן אַנדערע סאָרט עבודה!

ווען השי"ת מאַכט מיט'ן מענטש אַגאַנצן צייט אַהין און צוריק, און דער מענטש האָט נישט קיין שום ברירה נאָר ער זאָגט אַלעמאָל מיט אן ענוה: "אויב ער וויל אַזוי, גיי איך דאָס טון, אויב ער וויל אַנדערש, וועל איך טון אַנדערש", דעמאָלט **ברענגט דאָס אַז דער איד זאל ווערן אַזאַ אמת'ער עבד פאַר'ן רבוש"ע!** אויב וואָלט ער נישט געהאַט די אַלע מניעות וואָלט ער אפשר געווען אַ מוצלח בעבודת ה', אַ שטאַרקער מוצלח, **אָבער קיין עובד ה' וואָלט ער נישט געווען!**

אודאי זענען עניות מיט עשירות נישט קיין מניעות! פאַרקערט, די סאָרט מצבים מאַכן אַז דער מענטש זאל אַגאַנצן צייט זאָגן: "יעצט וויל דער אויבערשטער אַז כ'זאָל אים דינען אויף אַן אַנדערע סאָרט וועג, און איך גיי זיך מבטל זיין צו זיין רצון".

# נקודה למחשבה

## וימינו תחבקנו; די זיסע מתנה פון הכנעה, דוקא ווען ס'גייט נישט אין עבודת ה'

איינס פון די שווערע נסיונות וואָס מאַכט זיך ביי שלום בית פעלער, אָדער ביי מענטשן וועלכע אַרבעטן ביי אַנדערע, איז ווען ס'געשעט אַזאַ מציאות, אַז איינער האָט זיך אָנגעשטרענגט און געאַרבעט צוזושטעלן עפּעס פאַר'ן צווייטן, אָבער דאַן זאָגט אים יענער: "איך דאַרף דאָס נישט, כ'וויל עפּעס אַנדערש"...

געווענליך ווערט אַ מענטש זייער אויפגערעגט פון אַזאַ רעאַקציע, און ער וויל שוין נישט ווייטער אַרבעטן: "קומענדיגע מאל זאָג מיר גלייך אָנהויב וואָס דו ווילסט, טויש נישט יעדע מינוט"...

אָבער אן עובד ה' ווי ר' פרידא האָט אַנדערש געזאָגט ווען ער האָט געלערנט מיט דעם תלמיד: **דער רבוש"ע האָט יעצט געוואָלט אַז איך זאָל דיך מסביר זיין נאָכאַמאָל, ער האָט יעצט געוואָלט אַז כ'זאָל דיך מסביר זיין אויף אַן אַנדערן סאָרט אופן!**

אַזוי דאַרף אַ איד אַלעמאָל קענען זאָגן: **דער רבוש"ע וויל האָבן מיין עבודה יעצט נאָך דעם דורכפאַל!** ער וויל זען וויאַזוי איך גיי אים דינען **נאָכדעם וואָס זאַכן זענען געגאַנגען גענצליך אַנדערש ווי כ'האָב געוואָלט.** ער וויל זען וויאַזוי איך טו תשובה!

נאָכדעם וואָס דער מענטש וועט אַזוי זאָגן, וועט ער טאַקע באַמערקן וויאַזוי **דער רבוש"ע האָט אים געשיקט, דורך די מניעות, עצות פאר עבודת ה'!** ווען דער אויבערשטער האָט נישט אָנגענומען זיינע תפלות איז **דאָס בעצם געווען אַ חיבוק** פון השי"ת.

נאָכאַמאָל: ווען דער אויבערשטער האָט 'נישט' אָנגענומען זיינע תפלות, **האָט אים השי"ת אַרומגענומען און ער האָט אים נישט געלאָזט ווערן פאַרבלאָנזשעט.** ער האָט אים נישט געלאָזט אָנקומען גרינגערהייט, ווייל אויב קומט די עבודת ה' אָן לייכט דעמאָלט וועט דער מענטש נישט ווערן קיין אמת'ער און טיפער עובד ה'.

אפשר וועט ער טאַקע זיין אַ מוצלח, אפשר וועט ער זיין אַ מסודר'דיגער מענטש, אפשר וועט ער קענען אַסאַך בלעטער גמרא, **אָבער ער וועט נישט האָבן די מתנה פון זיך מכניע זיין פאַר'ן רבוש"ע אינעווייניג אין האַרץ;** צו זיין גרייט אַגאַנצן צייט צו טוישן דעם פלאַן לויט'ן רצון ה'. אָט די אינערליכע הכנעה וועט ער נישט האָבן, קיין דביקות וועט ער נישט האָבן.

דאָס איז נוגע לגבי די אַלע מניעות וואָס קומט אונטער פאר אַ מענטש, טאַקע יעדעס מאָל ווען ער האָט פּרובירט, און ער שפּירט ביי זיך אַ מחשבה: **רבוש"ע, פאַרוואָס?!** פאַרוואָס פונקט ווען כ'האָב זיך אונטערגענומען, פאַרוואָס דוקא ווען כ'האָב אָנגעהויבן און כ'האָב געמאַכט אַזאַ גרויסע מצב איז למעשה אַלעס געגאַנגען קאַפּויער?!

דער מענטש שפּירט אַ געוואַלדיגע ווייטאָג, אַז צוליב די אַלע מניעות איז ער למעשה פאַרקראָכן נאָך אַסאַך ווייטער. **ער האָט די הרגשה אַז ס'וואָלט שוין בעסער געווען ווען ער מאַכט קיינמאָל נישט די קבלה,** דעמאָלט וואָלט ער זיך אַסאַך ווייניגער פאַרפּלאָנטערט.

אָבער דער רבוש"ע זאָגט פאר אַזאַ איד: **יעצט וויל איך זען וויאַזוי דו דינסט מיר אין דעם מצב!** זאָלסט וויסן אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ מניעה אין עבודת ה', **נישטאָ אַזאַ זאַך!**

ווען אַ מענטש קומט אָן צו עבודת ה' דורך אַזאַ וועג, וועט ער ווערן אַן אמת'ער ערליכע איד! דעמאָלט וועט ער אַליין פאַרשטיין אַז די מניעות זענען געווען די וועג אים צו ברענגען נאָענטער. די שוועריגקייט איז בלויז איידער מ'קומט אן דאָרט און מ'זעט נאָכנישט די תועלת פון די מניעות. דאַרף מען דעריבער **דאַווענען צום רבוש"ע** און בעטן אַז מ'זאָל עס קענען דורכשטופּן, און דערביי געדענקן אַז אַלעס האָט מיך השי"ת געברענגט ווייל דאָס גייט מיך צום סוף מקרב זיין צום רבוש"ע.


## פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י
**החפץ בעילום שם**
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי קוראי הגליון
יעמוד לימין הנדבן החשוב
לזכות לבני חיי ומזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

**קול הבינני**
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

**ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:**

**באראָ פארק:** ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה; The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:** ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58; Central Market; ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי:** ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey; ביהמ"ד סאלקא; ביהמ"ד דעלעטין; ביהמ"ד זוועהיל - West maple; ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont; ביהמ"ד דאמבראווא; בית המדרש רידזש; ויואל משה סאטמאר

**קרית יואל:** ביהמ"ד אהל פיגא; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח משה; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב